# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי' לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת שמיני

# די מידה פון כעס

**פרנס השבוע**

נתנדב לרגל שמחת נישואין של

החתן **שלמה** בן הרב **שמעון באכנער** שליט"א **- טאראנטא**

עב"ג הכלה **לאה אסתר** בת הרב **זאב אריה קנאפפלער** שליט"א

יה"ר שיזכו להקים בית נאמן בישראל, בנים ובני בנים
עוסקים בתורה ובמצוות רב נחת וכל טוב.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת שמיני
שנה ג׳
# די מידה פון כעס

## חלק א׳

### כעס און מידות

**וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי** - און ס׳איז געווען אינעם אכטן טאג פון דער באנייאונג פונעם משכן. כלל-ישראל האט געפראוועט א גרויסן טאג אין אונזער היסטאריע, דער קלימאקס פון דער באנייאונג פונעם הויז פון אויבערשטן. נאך זיבן טעג אין וועלכע משה רבינו האט געטון די עבודה איינער אליין, וועלן יעצט אהרן הכהן מיט זיינע זון ווערן געזאלבט אלס כהנים צום ערשטן מאל צו טון די עבודה אינעם משכן, און די שכינה וועט רוהען דארט.

אין אזא טאג איז געווען די האפענונג פון יעדן איד אז אלע פרטים פון דער עבודה ביי דער זאלבונג זאל פונקטליך קלאפן, אן קיין דורכפעלער. משה רבינו, דער פירער פון פאלק האט באקומען דעם אויפגאבע צו מאכן זיכער אז עס ווערט טאקע אזוי אויסגעפירט.

**דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה**, משה האט מיט א פלייסיגקייט נאכגעפארשט נאך יעדן דעטאל. דער דאפלטער לשון ווייזט אז משה איז געווען פארזיכטיג אז אלעס זאל געטון ווערן פינקטליך לויט דעם אויבערשטנ׳ס רצון.

ווען ער האט געפרעגט וועגן דעם קרבן פונעם חטא העגל און מען האט אים געזאגט אז עס איז שוין אינגאנצן פארברענט געווארן אנשטאט צו ווערן געגעסן דורך די כהנים, איז ער דערצערנט געווארן. **וַיִּקְצֹף עַל אֶלְעָזָר וְעַל אִיתָמָר בְּנֵי אַהֲרֹן** - און משה איז געווען אויפגערעגט אויף אלעזר און איתמר, די קינדער פון אהרן (י׳, טז).

## משה רעאגירט

משה איז געווען אין כעס! צו אונזערע קליינע מוחות קען זיין אז עס זעט נישט אויס אומגעווענליך. נאך אלעמען, איז עס נישט ווי אזוי עס דארף צו זיין? ווען עפעס וואס איז אונז וויכטיג ווערט געטון אנדערש ווי מיר ווילן, ווערן מיר אויפגערעגט. דאס איז נאטירליך; צומאל קען מען אפילו עקספלאדירן.

אבער מיר פארשטייען אז משה איז נישט געווען אזוי ווי אונז. ער איז געווען א מושלם, אן איש אלוקים וואס האט געהאט א גענצליכן קאנטראל אויף זיינע געפילן. דעריבער איז א גרויסע שאלה. קען דאס מעגליך זיין אז משה האט רעאגירט מיט כעס פונקט אזוי ווי אונז?

די שאלה ווערט שטערקער ווען מען קוקט אריין אין די ווערטער פונעם רמב״ם אין הלכות דעות פרק ב׳ הלכה ג׳. ער זאגט דארט אז כעס איז אזא הארבע מידה אז עס באלאנגט אין א קאטעגאריע אפגעטיילט פון כמעט אלע מידות. ביי רוב מידות, זאגט דער רמב״ם, אז מען זאל זיך דערווייטערן פון עקסטרעמס. השי״ת וויל אז א מענטש זאל גיין אויף דער מיטלוועג, וואס דער רמב״ם רופט אן, ״דרך הישרה״.

## פרייליכקייט און ברייטקייט

לאמיר נעמען א ביישפיל פון פרייליכקייט און שמחה. א מענטש זאל נישט זיין צו איבערגעוועלטיגט מיט פרייליכקייט. דו זעסט אין אמעריקע לאכט יעדער מיט א הויכן געלעכטער און ליצנות. ניין, דאס איז נישט דער דרך התורה פון פרייליכקייט.

אבער א מענטש זאל נישט זיין טרויעריג און אומעטיג אויך נישט. ער זאל נעמען דעם מיטלוועג. ער זאל אייביג זיין גוט אויפגעלייגט, אנגעפילט מיט צופרידנקייט אין לעבן, אן אמת׳ע שמחה וואס וועפט קיינמאל נישט אויס.

און אזוי איז עס מיט אלע מידות, לאמיר זאגן, ברייטהארציגקייט און קארגשאפט. א מענטש זאל נישט פארשווענדן זיין געלט. ער זאל נישט זיין אן אויסברענגער, אבער ער זאל אויך נישט זיין א קארגער און פרובירן צו שפארן יעדן דאלער וואס ער האט. ער זאל גיין מיט׳ן מיטלוועג דורך אפטשעפען פון זיין געלט גרינגערהייט פאר די געברויכן פון זיין בני בית און אנדערע וואוילטעטיגע צוועקן, און אין דער זעלבער צייט וואס ער לעבט א ברייטע לעבן, זאל ער נישט אויסגעבן אויף נארישקייטן.

אויב דו וועסט אריינקוקן אין רמב״ם וועסטו זען אז דאס איז וואס ער שלאגט פאר פאר כמעט אלע מידות. עס איז א גרויסער פרינציפ צו גיין אויף דעם **שביל הזהב -** דער גאלדענער וועג פון **דרך האמצעי**.

## כעס איז אנדערש

ביי כעס איז נישט דא קיין מיטל וועג. ביי דעם מידה דארף ער זיך דערווייטערן צום פארקערטן זייט.

א מענטש האט א סיכסוך מיט זיין ווייב. עס קען גאנץ מעגליך זיין אזביידע זענען זיך אייניג ווערד דאס געלט, אבער יעצט דארף ער זיך זארגן נאר פאר זיך אליין. ווען ער קומט אהיים, בשעת ער האלט דאס הענטל פון דער טיר טראכט ער צו זיך, "איך בין היינט געווען ביים שיעור פון הרב מיללער, און איך גיי אויספרובירן וואס ער האט געזאגט, נישט קיין חילוק וואס עס וועט זיין..."

און ווי נאר ער עפנט דעם טיר, קומט אים אנטקעגן זיין אידענע. "וואו ביזטו געווען אזוי
לאנג, איך האב זיך אליין געדארפט באפארען מיט די קינדער און זיי זענען געווען..."
און אזוי ווייטער...

אבער אנשטאט צו אויספלאצן אין א כעס, שרייענדיג, "וואס ווילסטו פון מיר, איך ארבעט אזוי שווער צו ברענגען פרנסה..." און ער האט אסאך צו זאגן... אבער ער האלט זיך דאס מויל. אפשר וועט ער עס עפענען נאר אביסל, זאגנדיג, "אוי וויי, איך בעט דיך איבער, דו האסט געהאט אזא שווערע טאג היינט... דערצייל מיר, וואס האט פאסירט?"

אין אנהייב איז עס נישט גרינג, און דו מוזט זיך צוגרייטן נאך איידער דו טרעטסט אריין אין הויז. ווילאנג דו געוואוינסט זיך איין מיט דעם וועט דיין בלוט קאכן אין דיר. דו וועסט דארפן האלטן דיין צונג פארשלאסן אונטער דיינע ציינער (זע ערכין טו, א). דו וועסט עס טון איין נאכט, און נאך איינע, און מיט דער צייט וועט עס נאר ווערן גרינגער און גרינגער.

## כעס איז צו א גרויסע סכנה

דו זאלסט פארזעצן אויף דעם וועג פאר א לאנגער צייט. דער רמב"ם זאגט נישט ווי לאנג, אבער דו דארפסט ארבעטן דערויף, ביז דער כעס ווערט אינגאנצן אויסגעווארצלט פון דיין מח, **עד שינהיג עצמו שלא ירגיש אפלו לדברים המכעיסים** (רמב"ם שם), דו וועסט אפילו נישט שפירן די זאכן וועלכע וואלטן ווען געווענליך אויפגערעגט אנדערע מענטשן. דו וועסט שוין בלייבן רואיג אין אלע מצבים ווייל עס פאלט דיר נישט ביי צו ווערן אין כעס.

וואס איז א חידוש מיט דער מידה איז אז, אנדערש ווי אנדערע מידות ביי וועלכע מען דארף קומען צו א מיטלוועג, ווען עס קומט אבער צו כעס, גייט מען נישט

אינמיטן פון דעם דרך, נאר מען דארף ארבעטן אויף זיך אזוי לאנג, ביז די מידה ווערט אינגאנצן אויסגעווארצלט, און מען זאל אזוי ווייטער ממשיך זיין און זיך קיינמאל נישט אוועקרירן פון דעם עקסטרעם, ווייל כעס איז צו א גרויסע סכנה צו קענען גיין אויפ׳ן מיטלוועג.

## וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה

יעצט קומען מיר צוריק צו דעם כעס פון משה רבינו אין דער פרשה.

דאס ווארט ״וַיִּקְצֹף״ מיינט ״שוימען״. דער פסוק קומט אונז דא זאגן אז משה האט געשוימט, און דאס איז נישט פארגעקומען נאר איינמאל. די תורה נוצט איבער דאס ווארט **וַיִּקְצֹף** עטליכע מאל.

ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פונעם בארג סיני און געטראפן די אידן טאנצן ארום דעם עגל, האט ער צעבראכן די לוחות. פערציג יאר שפעטער, ווען משה האט זיך געגרייט זיך צו געזעגענען פון כלל-ישראל, זעט מען נאכאמאל, **וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל** - משה איז געווען אויפגערעגט אויף די פירער פון די מיליטער (במדבר לא, יד).

ער איז געווען ברוגז אויך אין אנדערע צייטן. דאס איז די שאלה, ווי אזוי קען זיין אז אזא גרויסער צדיק זאל ווערן אין כעס?

## אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם יָשָׁר

דער תשובה איז אז וויפיל דער רמב״ם לערנט אונז ווי אזוי צו שטיין ווייט פון כעס, גיט ער נישט געדעכט פאר די מענטשן וואס האבן נישט קיין כעס. **לא יהא כמת שאינו מרגיש** — זאלסט נישט זיין ווי א טויטער וואס שפירט נישט קיין שום כעס (דעות א, ד).

**אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם יָשָׁר** — דער אויבערשטער האט געמאכט דעם מענטש אויפ׳ן ריכטיגן וועג (קהלת ז, כט). דאס מיינט אז די קערפערליכע פונקציעס איז וויכטיג פאר אים, און נישט נאר די קערפערליכע פונקציעס, נאר אויך די עמאציאנעלע געפילן פון א מענטש איז אים געגעבן געווארן פאר א ציל.

רחמנות און אכזריות, ברייטהארציגקייט און קארגשאפט, קנאה און צופרידנקייט, די אלע פארשידענע מידות וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייט אינעם מענטש זענען אן קיין סוף, און יעדע מידה וואס דער אויבערשטער האט איינגעווארצלט אין מענטש איז געמאכט געווארן צו נוצן לויט׳ן רצון השם. דער חכם וועט זיך לערנען וויפיל פון יעדער מידה צו נוצן אין יעדן מצב.

# חלק ב׳

## דער ריכטיגער כעס

דאס מיינט אז אויך כעס איז א וואונדערליכע בריאה פון הקדוש ברוך הוא. איך נוץ נישט דאסווארט ״וואונדערליך״ לייכטערהייט. כעס איז א וואונדערליכע פעאיגקייט פונעם מח און קערפער וועלכע ארבעטן צוזאמען, איינער מיט׳ן אנדערן.

וואס איז כעס? דאס איז נישט בלויז אן עמאציאנעלע געפיל אין מח, און דאס איז אויך נישט נאר א גרימאס אויפ׳ן פנים, נאר דיין גאנצער קערפער ווערט אויפגערעגט!

וואס געשעט ווען דיין קערפער ווערט אויפגערעגט? העכער דיינע נירן זענען דא צוויי קליינע דריזן (glands) וואס מען רופט ״אדרענאליך״ (adrenal glands), און ווען די אברים באקומען א סיגנאל פון דעם מח וואס זאגט דעם מענטש, ״יעצט איז צייט פאר׳ן קערפער צו ווערן אויפגערעגט,״ ווערלן די דריזן ארייננשטראמען אין קערפער א געוויסן הארמאן וואס מאכט דאס בלוט פול מיט צוקער, און דער איבערפלוס פון צוקער גיט דעם מענטש א שטארקע ענערגיע. פלוצלינג באקומט ער מער כח ווי געווענליך.

און דו דארפסט האבן דעם איבערגעטריבענע ענערגיע. דאס איז א סטימוליר. דיין גאנצער קערפער רעאגירט צו דיינע מחשבות פון כעס; דיין בלוט קאכט. א געריגעטער מענטש האט אינגאנצן אן אנדער סארט בלוט ווי א רוהיגער מענטש.

פארוואס טוט דאס דער אויבערשטער צו דיין קערפער? וואס איז דער ציל פאר אזעלכע איבערקערענישן אין דיר? דער ענטפער איז אז כעס איז א וויכטיגער וואפן וואס מיר דארפן צומאל נוצן. עס מאכט זיך צייטן וואס מיט׳ן איבערפלוס פון ענערגיע קען דער מענטש אויפטון וואס ער וואלט נישט געקענט טון אן דעם. ער וועט קענען איבערקומען נסיונות וואס ער וואלט נישט געקענט ביישטיין אין נארמאלע אומשטענדן.

לאמיר זאגן אז עס איז דא א שלעגער וואס נארמאלערהייט וואלט ער זיך נישט קעגנגעשטעלט. ווען זיין מח איז קלאר, וואלט ער זיך בארעכנט און איבערגעטראכט. אבער ווען זיין בלוט איז אנגעצונדן מיט א נייעם כח, וועט ער באפאלן דעם שלעגער און אים בייקומען און אזוי ראטעווען מעגליכע קרבנות.

## דער ריכטיגער העלד

איך וויל נישט דא רעקאמענדירן דאס, ווייל דער שלעגער קען האבן א מעסער, און

אויב ער האט נישט, דעמאלטס האט זיין קרוב זיכער...

יעדער גוטער גוי טראגט מיט זיך א מעסער. איך געדענק ווען איך בין געווען אין ליטע פאר זעקס יאר, האט יעדער גוי געטראגן א מעסער אין זיינע שטיוול, און ער האט עס נישט געהאלטן דארט פאר גארנישט, נאר ער האט עס גענוצט! אויב דו האסט זיך אנגעהויבן מיט א ליטווישן גוי און דו האסט דיך ארויסגעדרייט אן צו באקומען א מעסער אויף דיר, האסטו דיך געקענט רעכענען צווישן די גליקליכע מענטשן...

די שקצים היינט זענען נישט צופיל אנדערש. דערפאר, דער בעסטער וועג ווי אזוי צו נוצן דעם איבערפלוס פון דיין צוקער אין בלוט, איז דורך אוועקלויפן. מאך פליטה! איך זאג שטענדיג אן אלטע כינעזישע ווערטל, "דער וואס לויפט אוועק דער איז דער העלד!"

אויב דו האסט איבערגעלעבט, ביסטו דער געווינער. דו דארפסט האבן די ענערגיע זיך צו ראטעווען און דאס איז דער כעס וואס גיט דיר דעם כח.

אין פאל וואס דו ביסט נישט גענוג געשיקט צו אנטלויפן – עס זענען דא גוים וואס קענען לויפן שנעלער ווי די אידעלעך – האט דער אויבערשטער שוין צוגעגרייט די רפואה. איינער פון די וואונדער פון דער פראצעדור פון כעס איז אז דער זעלבער אדרענאלין וואס שיסט אריין צוקער אינעם בלוט וועט אויך ארייגשטראמען אינעם בלוט א מאטעריאל וואס רופט זיך "פיברינאגען" (fibrinogen). דאס איז גורם אז דאס בלוט זאל ווערן דיקער אז אויב עס זענען ח"ו דא וואונדן זאלן זיי זיך שנעלער פארהיילן.

## כעס פאר א צוועק

דאס אלעס איז א מתנה מן השמים. ווייל מערערע מאל דארף מען אריינגיין אין א א קריג, איז וויכטיג אז מען האבן די איבריגע אדרענאלין וואס כעס שטעלט פאר, זיך צו קענען שלאגן מיט די רשעים.

ווען דוד המלך איז ארויס אין מלחמה קעגן די פעלקער, האט ער נישט געטראגן מיט זיך קיין שום געווער, נאר דעם תהילים. ער האט אויפגעהויבן זיין קאמפס-האק און ער האט ארויסגעברענגט זיין מידה פון כעס. **אֶרְדְּפָה אוֹיְבַי וָאַשְׁמִידֵם** - איך האב נאכגעיאגט מיינע פיינט און זיי פארטיליגט (שמואל ב כב, לח).

דו מיינסט אז דוד האט אומגעברענגט זיינע פיינט מיט ליבשאפט? זיכער מיט כעס. אינמיטן א מלחמה איז עס זייער וויכטיג. ווי אזוי קען מען זיך באגיין אן קיין כעס? דער רמב"ם זאגט אז א מענטש אן כעס איז ווי א קריפל. מען מוז זיין אויפגערעגט

אויף רשעים. דו מוזט זיין אנגעפילט מיט רוגזה אויף אומ׳יושר.

איז נישט פנחס געווען אויפגערעגט ווען ער האט געזען וואס זימרי האט געהאלטן ביים טון? איז נישט מתתיהו געווען אין כעס ווען ער האט געזען ווי א איד גרייט זיך אויסצופאלגן דעם באפעל פון די יונים צו ברענגען א קרבן פאר דער עבודה זרה. זיכער ווערן צדיקים אין כעס.

## כעס וואס איז באוויליגט

דערפאר, ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פונעם בארג סיני מיט די הייליגע לוחות און ער האט געזען ווי די אידן טאנצן ארום דעם עגל, האט ער געווארט אז זיין כעס זאל אויסוועפן? ניין, ער האט גענומען די לוחות און זיי צעבראכן, און השי״ת האט אים שפעטער געזאגט, ״יישר כח!״ (שבת פז, א).

משה רבינו איז געווען אין כעס, און דאס איז געווען א גוטער לימוד פאר די אידן. זיי זענען געווען שאקירט! זייווארטן שוין אזוי לאנג, און ענדליך ווען משה רבינו קומט שוין אראפ פון דעם בארג מיט די לוחות וואס דער אויבערשטער האט אליין געשריבן, האט עס משה רבינו צעבראכן אויף שטיקלעך. **וָאֲשַׁבְּרֵם לְעֵינֵיכֶם** — און איך האב עס צעבראכן פארנט פון ענקערע אויגן (דברים ט, יז).

דאס האט געלייגט א שנעלע ענדע צו דער צערעמאניע. ס׳איז געווען א כעס וואס האט זיי אפגעקילט פון דער פייערונג ארום דעם גאלדענעם עגל. סאיז געווען אן אקט פון כעס וואס האט צופרידנגעשטעלט השי״ת.

## א שבט פון כעס

און שפעטער איז משה רבינו געשטאנען ביים טויער פון דער מחנה און אויסגערופן, ״**מִי לַהַשֵּׁם אֵלָי**, ווער האט זיך אנגערופן? נאר די גערעגטע. אויב איינער איז נישט געווען אויפגערעגט, איז ער געבליבן אינעם געצעלט.

נישט יעדער איז געווען גרייט דאס צו טון; זיי האבן מורא געהאט. אויב דו גייסט מיט משה רבינו, ווער ווייסט וואס דו וועסט דארפן טון? קען זיין אז דו וועסט דארפן נעמען ענערגישע און זייער גורל׳דיגע אקציעס. קען זיין אז דו וועסט דארפן הרג׳ענען דיין אייגענעם ברודער.

**וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו כָּל בְּנֵי לֵוִי** — און עס האבן זיך ארומגעזאמלט צו אים די בני לוי (שמות לב, כז). דער גאנצער שבט האט געברענט פאר כעס, און זיי האבן זיך איינגעזאמלט ארום משה.

"דא זענען מיר!" און משה האט געזאגט, "יעדער פון ענק זאל זיך אנגארטלען מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן און אנהייבן אויסצוראטן יעדן וואס האט געדינט דעם עגל, אפגעזען אויב דאס איז דיין ברידער, פריינט אדער קרוב." און נאר ווייל זיי האבן געברענט פאר כעס האבן זיי זיך געקענט צוהערן.

**הָאֹמֵר לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לֹא רְאִיתִיו וְאֶת אֶחָיו לֹא הִכִּיר וְאֶת בָּנָיו לֹא יָדָע** — די וואס האבן געזאגט אויף זייער טאטן און מאמען, איך האב זיי נישט געזען, און האט זיינע ברידער נישט דערקענט, און זיינע קינדער נישט געוואלט וויסן (דברים לג, ט).

לוי האט זיך אנטזאגט צו אנערקענען זיינע קרובים. יא קרוב, נישט קרוב, עס מאכט נישט אויס. יעדער וואס איז שולדיג אין דעם עגל האבן זיי גע'הרג'עט. דריי טויזנט זענען אומגעברענגט געווארן. עס האט זיך געפאדערט א כעס צו קענען אויספירן אזא שווערן תפקיד.

## א ספּיציעלע פלאץ אין גן עדן

מיר ווייסן אז דאס איז די סיבה פארוואס שבט לוי האט זוכה געווען צו גרויסקייט.

**בָּעֵת הַהִוא הִבְדִּיל הַשֵּׁם אֶת שֵׁבֶט הַלֵּוִי** - אין דער צייט האט השי"ת אפגעשיידט שבט לוי (דברים י, ח). "הו הא", זאגט השי"ת, "אזא שבט וואס ווערט גערעגט פאר מיין כבוד, וועל איך דערהויבן!"

דאס איז פארוואס כעס איז געמאכט געווארן, צו זען אז יושר זאל אויסגעפירט ווערן. שבט לוי איז נישט געווארן אויפגערעגט איבער צובראכענע כלים, אדער אויף איינעם וואס בלאקירט דעם דרייוו-ווע', נאר פאר הקדוש ברוך הוא! אוי זענען זיי געווארן אויפגערעגט!

און דערפאר, **וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם** - די לויים געהערן צו מיר (במדבר ג, מה), האט השי"ת געזאגט, און דער מדרש זאגט, **בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא**. אויב דו ביסט א לוי, האסטו א ספעציעלן פלאץ אין גן-עדן. יענער כעס האט זיי דערהויבן אויף שטענדיג!

אונזער היסטאריע איז פול מיט גרויסע לייט וועלכע האבן גענוצט זייער כעס צו דינען דעם באשעפער. פנחס איז געווען א קנאי. דאס מיינט אז ער איז געווען א גערעגטער מענטש, און ווען ער האט געזען ווי זמרי גייט מיט כזבי בת צור, האט ער ארויסגענומען זיין שווערד און זיי ארייגעשטאכן אין זייערע קערפערס.

מען קען נישט טון אזא שריט מיט א רואיגן מח. מען דארף האבן א פייער פון כעס צוצוברענגען צו טון אזא זאך. דאס איז א כעס פאר כבוד שמים, צו ברענגען א סוף צו חילול-השם, זיך צו קריגן מיט א ווידערשפעניגער, איינער וואס איז עובר אויפ'ן דבר

השם בפרהסיא. דעמאלטס דארפסטו צוהערן צו דיין כעס.

פנחס האט פארשטאנען וואס דער אויבערשטער וויל פון אים, און ער האט ארויפגעברענגט די מידה פון כעס וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט אין זיין נשמה. ער האט געזאגט, "כעס, איך דארף דיך יעצט." דער כעס וואס ער האט געשפירט ווען ער האט געזען דעם חילול השם איז איבערגעפלאסן, און ער איז ארויסגעשפרונגען מיט זיין שווערד.

## רחמנות וואס איז נישט אין פלאץ

צומאל ווילן מיר אז דער כעס זאל ארויסקומען. דער אויבערשטער לייגט אריין אין מענטש א כעס כדי אויפצושטיין קעגן די קרימינאלן. נאר אויב דו ביסט נישט ערצויגן געווארן אין די קאלעדשעס, וועסטו שפירן א נאטירליכן כעס און רוגזה קעגן אומ׳יושר.

עס איז א געפערליכע עוולה היינט-צוטאגס ווען די ריכטער שטופן כסדר אפ די פראצעסן, און מערערע מאל ווערן זיך די קרימינאלן זיך נישט שטעלן פאר זייער משפט פאר א יאר אדער לענגער. זיי ווילן ווארטן ביז זייער כעס וועט אויסוועפן, ניין!

**אין מעַנין את הדין** — מען קען נישט אפלייגן דעם משפט. די קרימינאלן זאלן געשטעלט ווערן פאר זייער משפט ווי פריער, ווען דאס בלוט ברענט נאך פון כעס, ווען דאס בלוט פונעם קרבן, נארוואס באגראבן, וויינט ארויס פון דער ערד און דאס בלוט פון דעם המון-עם קאכט פון אויפרעגונג. דעמאלטס איז די צייט צו משפט׳ן דעם מענטש, ווייל דער ציל פון כעס איז צו נעמען נקמה. דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל.

מענטשן אין אלגעמיין ווערן זיין נאכלעסיג ווען עס האט זיי נישט פערזענליך עפעקטירט. "דאס איז נישט מיין ביזנעס," טראכטן זיי, און צומאל קען א מענטש האבן רחמנות וואס איז נישט אין פלאץ. "דו גייסט נעמען א מענטש און אים לייגן אויפ׳ן עלעקטראנישן בענקל?"

איך ווייס אז היינט וועסטו טרעפן למדנים וועלכע ווערן ארויסקומען מיט א גאנצע תשובות אז מיר ווילן נישט אז מענטשן זאלן ווערן גע׳הרג׳עט, און מיר זאלן אינטערוועניר׳ן מיט דער רעגירונג קעגן דעם געזעץ פון טויט-שטראף.

דו דארפסט וויסן אז די אלע זאכן זענען אונטערגעצימבלט געווארן דורך די ליבעראלן וואס גייען צו גדולים און נעמען ארויס פון זיי תשובות. אמאליגע צייטן איז מען געווען פרייליך אז די רעגירונג האט געהאט דיני נפשות, ווייל דאס איז א געוואלדיגער צוריקהאלט פאר קרימינאלן.

# חלק ג׳

## דינאמיט אין באנוץ

אין דער זעלבער צייט דארפן מיר פארשטיין אז כעס איז ווי דינאמיט, א ניצליכע כלי וואס קען זיין א סכנה ווען מען נוצט עס נישט ווי עס דארף צו זיין.

דינאמיט איז א וואונדערליכער אויסטרעף. לאמיר זאגן אז דו ווילסט אויספלאסטערן א נייער וועג און דו שטויסט דיך אן אין א שטיינערנעם בארג וואס שטייט דיר אין וועג, דו קענסט נישט אויספלאסטערן דיין וועג ארום יעדן בארג, וועסטו נעמען דינאמיט און עקספלאדירן די שטיינער, אזוי וועסטו קענען מאכן א גראדן וועג.

וואס איז אויב דו ארבעטסט פאר׳ן דעפארטמענט פון היי-וועיס און דו קומסט אהיים און דו טרעפסט דיין טיר פארשפארט, דו קענסט נישט טרעפן דיין שליסל און דיין בני בית איז ערגעץ וואו, וועסטו נעמען א שטיקל דינאמיט וואס דו האסט אין דיין ארבעטס-טראק און עקספלאדירן דעם טיר? זיכער נישט. דו קענסט נישט נוצן אזעלכע עקסטרעמע מיטלען פאר א טיר. דינאמיט איז נישט געמאכט געווארן דערפאר.

לאמיר זאגן אז דער מענטש רייסט אויף זיין טיר און יעצט איז ער שוין אין זיין הויז, אבער עס ענדיגט זיך נישט דא. אזא מענטש ווייסט קיינמאל נישט ווען זיך אפצושטעלן. ווען די טיר איז ענדליך אפן וועט ער אויספלאצן מיט זיין עמאציאנעלן דינאמיט.

״פארוואס האסטו פארשפארט די טיר? ...טראכסטו נישט אז איך ווארט אינעם פראסטיגן וועטער...?״

אזא מענטש איז דער גרעסטער דורכפאל וואס עס איז פארהאן. ער איז א שטער פאר יעדן. מען ווינטשט זיך אז ער זאל צוריקגיין צו דער ארבעט.

און דאס איז צוליב דעם וואס ער נוצט דינאמיט אינעם נישט ריכטיגן פלאץ. זיין ווייב און קינדער זענען נישט עובר אויפ׳ן חטא העגל... און זיי זענען אויך נישט קיין סירישע גריכן.

## פארשטעקט אין קעלער

וועסטו דיך ארומטראגן מיט דינאמיט שטעקלעך אין דיין טאש, און יעדעס מאל וואס איינער שטייט דיר אין וועג וועסטו איםווארפן א שטעקעלע? ניין. דאס איז

נישט רעקאמענדירט. דו קענסט נישט ווארפן דינאמיט אויף יעדן, און דו קענסט אויך נישט נוצן כעס אויף יעדן, אזוי צושטערט מען א שטוב.

איינמאל א מענטש פארשטייט אז כעס איז א שטארקער וואפן וואס דארף געניצט ווערן פארזיכטיג און נישט אפט, מאכט ער אפ ביי זיך אז ער וועט עס פארשטעקן טיף אין זיין קעלער אין א פארמאכטער שאפע. ער וועט עס נוצן נאר אין אויסנאמליכע פעלער. ער גייט נישט אינעם מיטלוועג ווען עס קומט צו כעס. כאטש עס איז געמאכט געווארן פאר א ציל, מוז ער עס באהאלטן און נוצן נאר פאר עמערדשענסי פעלער.

עס זענען דא מענטשן וואס נעמען ארויס זייער דינאמיט פון שאפע צו אפט. אנדערע וועלן אפילו נישט נעמען די מי צו פארמאכן די שאפע... און דאס ווערט א געפערליכע קרענק וואס האט א שלעכטע השפעה אויף זיין נשמה.

## דער איינציגסטער זאך וואס דארף ברענגן זארג

אין מסכת נדרים (כב, א) טרעפן מיר א וויכטיגע מימרא וואס לערנט אונז וואס עס זענען די רעזולטאטן פון כעס:

**אמר רבי שמואל בר נחמני, אמר רבי יונתן, כל הכועס, כל מיני גיהנם שולטין בו** – רבי שמואל בר נחמני האט נאכגעזאגט אין נאמען פון רבי יונתן, ווער עס איז אין כעס, געוועלטיגן אויף אים אלע מיני גיהנום, **שנאמר** - ווי עס שטייט (קהלת יא, י), **"וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ וְהַעֲבֵר רָעָה מִבְּשָׂרֶךָ"** - זאלסט אפטון כעס פון דיין הארץ און האלט אפ שלעכטס פון דיין לייב, **ואין רעה אלא גיהנם** - און שלעכטס מיינט נאר גיהנם, **שנאמר** - ווי עס שטייט (משלי טז, ד), **"כֹּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ וְגַם רָשָׁע לְיוֹם רָעָה"** - אלץ האט השי"ת געמאכט פאר אים, און אויך א רשע פאר זיין שלעכטן טאג.

אויב מיר וועלן רעדן פון "רע", זאגט די גמרא, און דו ווילסט וויסן וואס איז עכט שלעכט, מוזסטו וויסן אז גיהנם איז דער פלאץ פון שלעכטס.

איידער מיר גייען ווייטער אפצולערנען פשט פון דער גמרא, דארף מען זיך אפשטעלן ביי די ווערטער, "עס איז נישט דא קיין עכטע שלעכט נאר גיהנם." דאס אליין איז א וויכטיגער לימוד. מיר לערנען דא אז אלע פחדים און זארגן וואס מענטשן האבן, זענען גארנישט קעגן דעם פחד פון גיהנם. פון דעם קען מען פארשטיין אז קיין שום זאך האט נישט קיין באדייט, אויסער דער זארג פאר אן עבירה.

ווען דער סטאק-מארקעט וואקלט זיך און ווען די וועלט שאקלט זיך פון אן אנגריף ח"ו, וואס אימער עס זאל נאר נישט זיין, אפילו דאס ערגסטע שלעכטס, זאל דאס נישט צעטרייסלען דעם מענטשנ'ס גלייכגעוויכט. אלע געשעענישן וואס קומען פאר אויף דער וועלט, מיינט גארנישט צו אונז, נאר די ביזנעס פון הקדוש ברוך הוא. נאר די

זארג פאר די עבירות שפילט א ראלע און דאס דארף פארנעמען אונזערע געדאנקען. ווייל ס'איז נאר דא איין עכטע שלעכטס, און דאס איז גיהנם. דערפאר איז דאס די איינציגסטע זאך וואס דארף ברענגען זארגן.

## א מדה רעה וואס ברענגט אלע שלעכטע מדות

מיר גייען צוריק צו די ווערטער פון רבי יונתן אין דער גמרא, "יעדער וואס ווערט אין כעס זאל וויסן אז צום סוף וועלן אלע מינים גיהנם געוועלטיגן איבער אים." נישט נאר וועט דער גערעגטער מענטש ירש'ענען גיהנם, נאר עס וועט זיין יעדער סארט גיהנם! און דאס איז ווייל כעס מיינט יעדע סארט עבירה.

כעס קען גורם זיין אז א מענטש זאל מחלל שבת זיין, און צומאל וועט ער חס ושלום טון ערגערס. ס'איז שוין געווען אידישע בחורים און מיידלעך וועלכע זענען אנטלאפן צוליב כעס, און זיי האבן זיך אנגעשלאסן אין עפעס א קולט אנשטאט דער אידישער אמונה. מענטשן האבן זיך שוין געבוקט צו עבודה-זרה כדי זיך צו רייצן מיט זייערע משפחות, אבער מיר רעדן אפילו נישט פון דעם יעצט. מיר רעדן פון א שומר תורה ומצוות וואס איז אין כעס. פון זיי רעדט די גמרא דא.

ווייל כעס ברענגט נישט נאר צו זיין אויפגערעגט. יעדע מידה רע קומט אלס א רעזולטאט פון אויפרעגונג. עס ברענגט א מענטש צו זיין שלעכט און צו זאגן ווייטאגליכע ווערטער. מענטשן צעברעכן יענעמ'ס הארץ אין זייער כעס. עס ברענגט א מענטש צו טון אלע מיני רשעות'דיגע זאכן, צו רעדן לשון הרע, ארומצוגיין פארציילן רכילות אויף אנדערע און צעשטערן זייער לעבן. און פאר אזויפיל מיני עבירות דארף מען האבן אזויפיל מיני גיהנם.

## עפענען דעם שאפע

דעריבער איז כעס א געפערליכע געצייג. ס'איז דינאמיט וואס מען דארף נוצן מיט א מאס. א מענטש דארף צומאל ווייזן כעס. דו קענסט נישט האבן א שטיינערנע הארץ אזוי ווי די יווני'שע סטאאיציסטן, און נישט צולאזן דאס רשעות זאל אייך עפעקטירן.

דער רמב"ם (שם) גיט א גוטע עצה. **יראה עצמו בפניהם שהוא כועס כדי ליסרם ותהיה דעתו מישבת בינו לבין עצמו**, טרעניר דיך צו מאכן א פנים פון כעס נאר פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג זאלסטו האבן דעם פולסטן קאנטראל.

דער קליינער פייער וואס דו שפירסט אינעווייניג איז א סיגנאל אז דו ווערסט דארפן דא מאכן א רעאקציע, אבער דיין פליכט איז צו זאגן פון פאראויס, "איך שטעל דא פאר

א שפיל אלס עקטע״ר און אין מיין הארץ האב איך נישט קיין שום פאראיבל.״ פרוביר עס אויס. דו ביסט אין קאנטראל; דו מאכסט נאר א שפיל.

דאס איז א שטארקע נקודה, אז אפילו מען מוז זיך צומאל באנוצן מיט כעס, דארף עס זיין כעס הפנים ולא כעס הלב. דאס איז וואס מחנכים דארפן זיך לערנען ווען זיי מוזן מחנך זיין די קינדער. ווען דו באמערקסט אז א כעס איז אויפ׳ן וועג, זאלסטו עס אונטערדריקן און דו הייבסט אן צו שפילן ווי אן עקטע״ר. דו קענסט זיין אין כעס פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג זאלסטו זיין אין פולן גלייכגעוויכט.

## שוימיגע כעס

משה רבינו האט נישט געדארפט א ראש ישיבה וואס זאל אים דערמאנען אז כעס איז נאר לפנים. משה איז געווען א מייסטער איבער זיינע געפילן. ער איז נישט געווארן איבערגענומען מיט טרויער אדער שמחה. דו מיינסט אז משה רבינו האט פארלוירן זיין גלייכגעוויכט? חס ושלום. משה איז געווען א מושלם. ער האט שטענדיג געוואוסט אז ער שטייט פאר השי״ת. דעריבער האט ער געקענט אנצינדן זיין כעס ווי מען צינדט אן א סינק.

ווען דער הייליגער צדיק האט געוויזן כעס, איז עס געווען פארמאסקירט. ״ויקצף משה״ מיינט אז ער האט געמאכט א פנים פון אויפרעגונג. ״ויקצף״ קומט פונעםווארט ״קצף״, אזוי ווי **כְּקֶצֶף עַל פְּנֵי מָיִם** - אזוי ווי דער שום אויפ׳ן וואסער (הושע י, ז). דער קצף איז נאר ״על פני המים״, כעס הפנים ולא כעס הלב.

דאס איז פשט פון די ביישפילן וואו מיר טרעפן אז משה איז געווארן אין כעס. ווען ער האט געזען עפעס וואס איז קעגן רצון השם און ער האט אנגעהויבן צו שפירן אז עפעס דארף דא ווערן געטון, האט ער אנגעטון א מאסקע און געווארפן א פחד אויף זיי.

דאס איז דער געוואלדיגער לימוד פון ״ויקצף״, אז צומאל דארף מען ווייזן א פנים פון כעס, אבער עס איז נאר א קצף. ס׳איז נאר א געמאכטע צוקאכטקייט, אויפ׳ן אויבערפלאך.

ווען דו גייסט ארויס פון דא, דארפסטו חזר׳ן די לימודים, איבער און איבער, ביז דו וועסט צוקומען צו תיקון המידות. דו וועסט ווערן מער און מער אן עובד השם און דערגרייכן דיין תפקיד אויף דער וועלט.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה

**שבת מברכים בעטן מיר פון באשעפער אויף א לעבן פון עושר וכבוד, א לעבן פון רייכטום און פראכט. האבן מיר דען נישט געלערנט אז רייכטום איז עפעס וואס מען זאל נישט נאכלויפן אויף דער וועלט?**

### תשובה

א גוטע שאלה. פארוואס בעטן מיר פאר א לעבן פון עושר וכבוד? דער ענטפער איז ווי פאלגענד: מיר זוכן נישט קיין כבוד אבער מיר האפן אז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן זיך צו פירן אין א וועג וואס זאל זיך פארדינען כבוד. אויב מענטשן וועלן אונז רעספעקטירן צוליב אונזערע גוטע מידות - הארט דאס אונז נישט. מיר ווילן מצליח זיין זיך צו פירן אויף דעם וועג וואס פארדינט זיך כבוד. יא, איך וואלט ליב געהאט ווען מענטשן זאלן זאגן: "רבי מיללער — ער איז א פיינער מענטש..." איך וואלט עס געגליכן... יא... ווייל דאס מיינט ווארשיינליך אז איך האב עפעס געטון וואס מענטשן זענען געווען צופרידן דערפון.

דו זאלסט טון זאכן אויף אזא אופן וואס וועט צוברענגען אז מענטשן זאלן געבן זייער הסכמה אויף דיר אבער דו לעבסט נישט פאר כבוד. דעריבער, אין די תפילה בעטן מיר פון השי"ת: "געב אונז א לעבן פון כבוד" העלף אונז אז דעם חודש זאלן מיר זיך אויפפירן אויף א מכובד'יגער אופן; -- און תורה'דיג דאן פארדינען מיר צו באקומען כבוד פון מענטשן. אה, אויב מיר וועלן מצליח זיין דער קומענדיגער חודש זיך אזוי אויפצופירן דעמאלטס וועלן מיר זיין זייער פרייליך ווייל דאס מיינט אז מיר וועלן האבן א געלונגענער חודש!


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות ענינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**